# ע ל   ח ט א
## פון יודל פעקער

על חטא – מיין נישטיקקייט וואס האט דעם טויט פחד ניט אויסגעהאלטן.
איך האב מיין לייב אוועקגע'גנב'עט פון די גריבער.
איך האב זין פאר'ן שארף פון חלף אין א לאך באהאלטען,
ביז דער טויט איז איבער מיר אריבער.

פארלאז איך שפעט מיין נע-ונד געלעגער,
שייער זיך אדורך דורך דארט-פארצאמונגען און פלויטען,
ווי א חיה גע'רודפ'טע פון אירע יעגער
גנב'ע איך זיך דורך די חורבות  צו די טויטע.

אויסגעצויגען און פארבראכען אין א דלד'יגער שורה
ליגט דער ריזיג-גרויסער ברידער-קבר.
א גאנצע קהילה קדושה איז געקומען דא צו קבורה, –
איך בלויז שלעפ זיך אויבען ווי אן אפגעשניטענער אבר.

ליגט די עדה אין פארבלוטיגטען געקלעם,
איך געפלעכט פון אפגעריסענע גלידער.
דער רב אב"ד מיט בעלי-בתים אויף קידוש השם,
טאטעס, מאמעס, זויג-קינדער, שוועסטר ברידער.

קוקט אויף מיר דער רב'ס אפגעריסענער שארבען
שטרענג און ברוגז'דיג : - דו, פורש מן הצבור !
א איד – צי ווייסטו ניט ? – א איד דארף קאנען שטארבען.
ביזט אנטלאפן-וועל איך דיך נאכלויפען דורך אלע גריבער.

– רבי, – שטעלט זיך אייך פאר מיר א איד א פארבלוטיגטער, א הויכער –
א אינגעל נאך, א שוואכער; דעם נסיון ניט בייגעשטאנען.
– רבי, – בעט ער זיך, – זייט אים מוחל,
בשוגג האט ער עס מסתמא ניט פארשטאנען.

און ווייטער רעדט דער איד צום ברוגז'ן אב"ד:
– א רגע נאר האט ער זיך אויסבאהאלטען פאר'ן מעסער;
זיין לעבן לאנג וועט ער זיך פייניגען אין נע-ונד,
זיין עונש איז פיל גרויזאמער און גרעסער.

א מיר – מיר האבן מיטגענומען אלץ וואס מיר האבן,
איז די איינציגע נחמה אונזערע אין שטראף:
מיט אונז צוזאמען לגט משיח דא באגראבען –
די האפענונג אויף גערעכטיגקייט – דער חלום פון די שאף.

מיר האבען דורות-לאנג געבלוטיגט און געדולדיג
דעם אויסג'חלומ'טען "וגר זאב עם כבש" אפגעווארט,
און ניט די פרעמדע וועלט אין אונזער אומגליק איז איצט שולדיג,
נאר מיר, ווי קינדער גרויסע, האבן זיך אליין גענארט.

וואס טויג דער שעפס, וואס האט געשווארן פייערלעך אויף בעלי-חיים,
פון נעגעל און פון ציין זיך אפגעזאגט גרויסמוטיג ? –
פארשווינדען וועלען שוין דער סטאדע'ס עלענטע שיריים,
און ער, דער וואלד, וועט אלץ נאך רוישען גיריג, בלוטיג.

און ווען דער שונא האט די היימען אונזערע געצונדען,
אין פייער-רינג מיט ווייב און קינד צום גרוב פארטריבען, –
האט אונז שוין גארנישט מער צום לעבען צוגעבונדען,
פאר אונזערטוועגען איז שוין גארנישט דא פארבליבען.

ווי-זשע וועלן זיי, די אנטרונענע, די ניט-דערקוילעטע יחידים,
די ציין-און נעגעללאזע וועגעטאריער,
ארומטאנצען אויף די בלוט-באטרונקענע ירידים,
פאיאצען לעסטיגע, הייליגע נביאים, פארלעטאריער ?

מטורף-דארניגע, פארוואונדעטע פארפעטען,
געשענדעטע אין שוימיג-שיכור'ן געלעכטער,
בעטלער-געסט ביי פרעמדע טישען אומגעבעטען –
דער גורל פון א פאלק, פון זיינע לעצטע זין און טעכטער.

א פאלק וואס האט זיין עלטער אין גרוב מיט שאנד אראפגענידערט,
ווערעמדיג אריבערלעבען אלץ – ערגערס האבן גאר ניט צוגעטראכט די שונאים.
- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -
געבויגען אונטער דעם יסורים'דיגען האגעל און צעגלידעט –
אן איינגעבראכענער געפאלען בין איך אויפ'ן פנים.